# פרקי אבות

חלק ב׳



# הֶער מַיין קִינְד

דְרַאמַאטִישֶׁע מְשָׁלִים • זַאפְטִיגֶע מַעֲשִׂיוֹת • אַ שְׁטַארְקֶע מוּסַר הַשֵּׂכֶל

**לֹא הַמִּדְרָשׁ הוּא הָעִקָּר אֶלָּא הַמַּעֲשֶׂה.**

(אבות א, יז)


מלכות וקסברגר
פאר היצירה היהודית

MEFOAR
מפואר

עֶס בַּאגְלֵייטְן נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ, נִישְׁט קַיין זִילְבֶּער אוּן גָאלְד  אוּן נִישְׁט קַיין טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער אוּן בְּרִילְיַאנְטְן




נָאר דִי תוֹרָה אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים (אבות ו, י)

# וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין דִי סֵפֶר?

רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר, הַמְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ, וְשׁוֹנֶה וּמַפְסִיק מִמִּשְׁנָתוֹ וְאוֹמֵר, מַה נָּאֶה אִילָן זֶה, מַה נָּאֶה נִיר זֶה, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ (אבות ג, ט)

מִיט אַסַאךְ יָאהְרֶן צוּרִיק הָאט גֶעלֶעבְּט אִין דִי שְׁטָאט קוּשְׁטָא, וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין טֶערְקֵיי, (אוּן הֵייסְט הַיינְט אִינְסְטַאמְבּוּל) אַ אִיד אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר מִיטְ'ן נָאמֶען ר' מֹשֶׁה. דֶער ר' מֹשֶׁה אִיז נִישְׁט גֶעוֶועהְן סְתַּם אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד, עֶר אִיז גֶעוֶועהְן גָאר אַ עֶרְלִיכֶער מַאן אוּן אַ שְׁטַארְקֶער יְרֵא שָׁמַיִם, עֶר אִיז גֶעוֶועהְן בַּאקַאנְט אַלְץ אַ גְרוֹיסֶער מְדַקְדֵּק בְּמִצְוֹת, דִי גֶעלְט וָואס עֶר הָאט פַארְדִינְט, הָאט עֶר כִּמְעַט נִישְׁט גֶענוּצְט פַאר זִיךְ, נָאר עֶר הָאט דָאס מִיט אַ גְרוֹיס שְׁמֵייכְל אַוֶועקְגֶעטֵיילְט פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן, מִיט אַ בְּרֵייט הַאנְט, ר' מֹשֶׁה אִיז גֶעוֶוען בַּארִיהְמְט מִיט זַיינֶע זֶעלְטֶענֶע גוּטֶע מִדּוֹת, אוּן דָאס מֶערְסְטֶע אִיז עֶר גֶעוֶועהְן אוֹיסְגֶערוּפְן, צוּלִיבּ זַיין נָאכְאַנַאנְדֶע הָארֶעוַואנְיֶע אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אִין זַיין הוֹיז הָאט עֶר גֶעהַאט אַסַאךְ גְרוֹיסֶע אוּן שֵׁיינֶע צִימֶערְן, אָבֶער אֵיין צִימֶער אִיז גֶעוֶועהְן גָאר סְפֶּעצִיעֶל אוּן דִי שֶׁענְסְטֶע פוּן אַלֶע, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶועהְן זַיין 'סְפָרִים צִימֶער' וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט, אוּן אִיז גֶעוֶועהְן



מלכות וקסברגר
פאר היצירה היהודית
בני ברק: רח' הלפרין 18, רח' רבי עקיבא 112
ירושלים: רח' מלכי ישראל 2
טל. 03-6154900 פקס. 03-6192858
שרות לקוחות: 1599-500-830
www.mwaxb.co.il - office@waxb.co.il

Mefo'ar Judaica
3919 13th Avenue - Brooklyn NY 11218
718-436-0707 - info@mefoarjudaica.com

כל הזכויות שמורות לדפוס "וקסברגר", ול"מפואר" תשע"ת. אזוי ווי מיר האבן ארייגעלייגט פיל געלט און אסאך כוחות אין דעם ביכל, טוען מיר אויסדריקליך פארבאטן, סיי עפ"י דין תורה און סיי להבדיל לויט די אינטערנאציאנאלע דרוק רעכט געזעצן, נאכצומאכן דעם ביכל אדער א חלק דערפון, עס איבערזעצן, אריינלייגן אין א קאמפיוטער, אדער קאפירן אויף סיי וועלכן אופן, סיי וועלכן טייל. אזוי אויך איז פארבאטן זיך צו באנוצן מיט'ן אינהאלט פון דעם בוך אדער א טייל דערפון, אויף קיין שום אופן און מיט קיין שום מיטלען, סיי עלעקטראנישע און סיי מעכאנישע, סיי פאר ביזנעס און סיי נישט פאר ביזנעס, אן רשות פון די ארויסגעבער.

א ספעציעלע דאנק פאר הרב לייביש ליש שליט"א, פאר דערציילן די מעשיות. און פאר ר' שלמה שטיינמעטץ שליט"א פאר'ן איבערטייטשן און אפשרייבן די מעשיות. און פאר הרב ר' ישראל שטארק פאר שרייבן די מעשיות.

פקס. לתגובות והערות: 1533-6154-900

**גֶעאֵיינִיגְט בְּלוֹיז פַאר תּוֹרָה אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן**, אִין דֶעם שְׁטוּבּ אִיז ר' מֹשֶׁה גֶעזֶעצְן שָׁעוֹת לַאנְג אוּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה גֶעהָארֶעוועט לַאנְגֶע שָׁעוֹת רְצוּפוֹת, אָן רֶעדְן אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט, זַיין מִשְׁפָּחָה הָאט שׁוֹין גֶעוואוּסְט, אַז אִין דִי שָׁעוֹת וָואס זֵייעֶר טַאטֶע זִיצְט אוּן לֶערְנְט, קֶען מֶען דָארְט נִישְׁט אַרַיינְגֵיין.

אֵיין טָאג הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אִין דִי הוֹיז וִוי עֶמִיצֶער קְלַאפְּט, אוּן וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶפְנְט דִי טִיהְר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אַ מְכוּבָּד'יגֶער מֶענְטְשׁ 'מְנַחֵם' הָאט יֶענֶער גֶעהֵייסְן, מְנַחֵם פְלֶעגְט אַסַאךְ הַאנְדְלֶען אִין מִסְחָר מִיט ר' מֹשֶׁה, אוּן צוּזַאמֶען פְלֶעגְן זֵיי דוּרְכְפִיהְרְן גְרוֹיסֶע גֶעשֶׁעפְטְן. עֶר הָאט יֶעצְט אַרַיינְשְׁפַּאצִירְט צוּ ר' מֹשֶׁה אִינְדֶערְהֵיים אוּן גֶעבֶּעטְן צוּ רֶעדְן מִיט'ן גְבִיר. **ר' מֹשֶׁה'ס קְלֵיין אִינְגְל, – וָואס הָאט גֶעעֶפְנְט דִי טִיהְר – הָאט גֶעוָואלְט זָאגְן פַאר'ן סוֹחֵר שֵׁיינֶערְהֵייט אַז זַיין טַאטֶע לֶערְנְט יֶעצְט, אוּן מֶען קֶען אִיהְם נִישְׁט שְׁטֶערְן**, אָבֶּער דֶער סוֹחֵר – וָואס הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט וִוי אַ בֶּן בַּיִת – הָאט זִיךְ גֶעאַיילְט אַרַיינְצוּגֵיין צוּם גְרוֹיסְן הֶערְלִיכְן הוֹיז, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפַּאצִירְן אִין רִיכְטוּנְג פוּן ר' מֹשֶׁה'ס סְפָרִים שְׁטוּבּ, דֶער קְלֵיינֶער אִינְגְל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן: "יֶעצְט אִיז מַיין טַאטֶע..." אָבֶּער דֶער סוֹחֵר הָאט אִיהְם אִיבֶּערְגֶעהַאקְט, אוּן מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל רוּפְט עֶר זִיךְ: "אִיךְ וֵוייס שֶׁעפֶּעלֶע אַז דַיין טַאטֶע גֶעפִינְט זִיךְ יֶעצְט אִין זַיין סְפָרִים צִימֶער, אִיךְ קֶען דֶעם וֶועג אַהִין, דַיין טַאטֶע וֶועט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיר צוּ זֶעהְן, אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס גָאר גוּטֶע נֵייעֶס פַאר אִיהְם".

ר' מֹשֶׁה, וָואס הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, אִיז גֶעוָוארְן אִיבֶּערְרַאשְׁט צוּ זֶעהְן דֶעם סוֹחֵר אַזוֹי פְּלוּצְלִינְג אִין זַיין צִימֶער, עֶר הָאט אִיהְם גְלַייךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט פְרֵייד, "וָואס מַאכְסְטוּ מְנַחֵם, וִויאַזוֹי זֶענֶען דִי גֶעשֶׁעפְטְן?" מְנַחֵם דֶער סוֹחֵר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַארְצֵיילְן פַאר ר' מֹשֶׁה מִיט אֵיין שִׂמְחָה וֶועגְן דִי פְרִישֶׁע סְחוֹרָה וָואס זֶענֶען נָארְוָואס אָנְגֶעקוּמֶען פוּנֶעם וַוייטְן מִזְרַח, אוּן אִיבֶּער דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ פַארְדִינֶען אוֹיף דֶעם גְרוֹיסֶע רְוָחִים, אוּן נָאכְ'ן עֶנְדִיגְן רֶעדְן אִיבֶּער דִי גֶעשֶׁעפְטְן עִנְיָנִים, הָאט מְנַחֵם וַוייטֶער דֶערְצֵיילְט פַאר ר' מֹשֶׁה אִיבֶּער זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע

רַייזֶע קַיין טְשַׁיינֶע אוּן אִיבֶּער זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן דָארְט, ר' מֹשֶׁה הָאט שְׁטַארְק הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ הֶערְן דִי גֶעשִׁיכְטֶעס אִיבֶּער דֶעם גְרוֹיסְן מוֹיעֶר פוּן טְשַׁיינֶע אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט מִיט הִתְפַּעֲלוּת, "מְנַחֵם דַיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת זֶענֶען מוֹרָא'דִיג זַאפְטִיג", אוּן אַזוֹי הָאבְּן דִי צְוֵויי חֲבֵרִים גֶעשְׁמוּעֶסְט גֶעשְׁמַאק פוּן פַארְשִׁידֶענֶע טֶעמֶעס פַאר אַ לֶענְגֶערֶע שְׁטִיקְל צַייט בִּיז זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶעגְנְט.

וֶוען מְנַחֵם אִיז אַרוֹיס פוּן הוֹיז, הָאט זִיךְ ר' מֹשֶׁה צוּרִיק גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען, אָבֶּער עֶר אִיז שׁוֹין דַאן גֶעוֶוען מִיד אוּן אָפְּגֶעמַאטֶערְט, אוּן נָאךְ אַפָּאר מִינוּט לֶערְנֶען הָאט עֶר אַיינְגֶעדְרִימְלְט אוֹיפְ'ן בֶּענְקְל, **אַזוֹי שְׁלָאפְנְדִיג הָאט עֶר זִיךְ פְּלוּצְלִינְג גֶע'חֲלוֹמ'ט וִוי עֶר אִיז אִין זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע אָרְט אִין הִימְל, אוּן נֶעבְּן אִיהְם שְׁטֵייעֶן צְוֵויי וַוייסֶע מַלְאָכִים, אוּן אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט הַאלְטְן זֵיי אַ סֵפֶר.** ר' מֹשֶׁה אִיז גֶעוָוארְן נֵייגֶערִיג וָואס עֶס שְׁטֵייט דָארְט, דִי מַלְאָכִים הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דֶעם סֵפֶר אוּן אִיהְם דָאס גֶעגֶעבְּן צוּ לֵיינֶען, עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּנְקְט פוּן יֶענֶע סוּגְיָא וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעצְט, זַיין פָּנִים אִיז וַוייס גֶעוָוארְן **עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז דִי אַלֶע דְבָרִים בְּטֵלִים וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זַיין חָבֵר, זֶענֶען אוֹיךְ אַרַיינְגֶעשְׁרִיבְּן אִין דֶעם סֵפֶר**, עֶס אִיז אִיהְם גֶעוָוארְן שְׁוַוארְץ פַאר דִי אוֹיגְן וֶוען עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט וִוי דִי נַארִישֶׁע שְׁמוּעֶסֶרֵייעֶן זֶענֶען אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט דִי סוּגְיוֹת הַגְמָרָא, "וָואס טוּהְט עֶטְס מִיט דֶעם סֵפֶר?" הָאט ר' מֹשֶׁה גֶעפְרֶעגְט פוּן דִי מַלְאָכִים מִיט צִיטֶערְנִישׁ, זֵיי הָאבְּן אִיהְם גֶעעֶנְטְפֶערְט "מִיר טְרָאגְן אַלֶעס אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, ר' מֹשֶׁה אִיז גֶעוָוארְן דֶערְשְׁרָאקְן "דִי סֵפֶר דַארְף מֶען בַּאהַאלְטְן, אִיךְ בֶּעט אַייךְ טְרָאגְט עֶס נִישְׁט אַרוֹיף אַזוֹי" מִיטְאַמָאל זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צְוֵויי שְׁוַוארְצֶע מַלְאָכִים, זֵיי הָאבְּן צוּגֶעכַאפְּט דֶעם סֵפֶר פוּן דִי וַוייסֶע מַלְאָכִים, אוּן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַנְטְלוֹיפְן, ר' מֹשֶׁה הָאט פְּרָאבִּירְט מִיט זַיין גַאנְצֶע כֹּחַ זֵיי נָאכְצוּלוֹיפְן, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען גֶעלָאפְן נָאךְ שְׁנֶעלֶער בִּיז זֵיי זֶענֶען אִינְגַאנְצְן פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן.

**יֶענֶע רֶגַע הָאט זִיךְ ר' מֹשֶׁה אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן זַיין חֲלוֹם, עֶר אִיז גֶעוֶועהְן**

**שְׁרֶעקְלִיךְ צוּבְּרָאכְן און גֶעשְׁפִּירְט אַ גְרוֹיסֶע צַעַר, און אַזוֹי פַארְלוֹירֶענֶערְהֵייט אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם רָב פוּן שְׁטָאט, און אִיהְם אַלֶעס פַארְצֵיילְט.**

דֶער רָב הָאט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ ר' מֹשֶׁה'ס עֶרְצֵיילוּנְג, און זֶעהֶענְדִיג אַז עֶס טוּהְט אִים אַזוֹי וֵויי, און עֶר הָאט בְּאֱמֶת חֲרָטָה פוּן טִיפְן הַארְצְן, הָאט עֶר אִיהְם גֶעזָאגְט, "טֵייעֶרע ר' מֹשֶׁה, דוּ פַארְמָאגְסְט אַסַאךְ זְכוּתִים, און וֶועגְן דֶעם הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶועהְן אַז מֶען הָאט דִיר גֶעוִויזְן פוּן הִימְל ווִי הַארְבּ עֶס אִיז צוּ רֶעדְן דְּבָרִים בְּטֵלִים אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, ווִיבַּאלְד דוּ הָאסְט אַזַא צַעַר אוֹיף דִי פַּאסִירוּנְג, און דוּ הָאסְט תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, בִּין אִיךְ זִיכֶער אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אָנְנֶעמֶען דַיין תְּשׁוּבָה". ר' מֹשֶׁה הָאט זִיךְ בַּאדַאנְקְט פַארְ'ן רָב, און פוּן יֶענֶע טָאג און וַוייטֶער, הָאט עֶר זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען נִישְׁט אַרַיינְצוּמִישְׁן חַס וְשָׁלוֹם דְּבָרִים בְּטֵלִים אִינְמִיטְן לֶערְנֶען.

## דַע לְךָ בְּנִי

### וִויסְן זָאלְסְטוּ: מַיין קִינְד

מַיין טַייעֶר קִינְד, ווִיסְן זָאלְסְטוּ: וֶוען אַ נְשָׁמָה קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, גֵייעֶן מִיט מִיט אִיהְם אַלֶע זַיינֶע זְכוּתִים, ווִי אוֹיךְ זַיינֶע עֲבֵירוֹת, עֶר וֶוערְט בַּאגְלֵייט דוּרְךְ זַיינֶע זְכוּתִים פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און אַזוֹי אוֹיךְ קוּמֶען מִיט דִי שְׁמוּעֶסעֶרייעֶן און בִּיטוּל תּוֹרָה, ווִיאַזוֹי וֶועסְטוּ זִיךְ שְׁפִּירְן וֶוען דוּ וֶועסְט זֶעהְן דַיין לֶערְנֶען אִיז אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט דְּבָרִים בְּטֵלִים? עֶס וֶועט זַיין אַזַא שְׁטַארְקֶע בּוּשָׁה! לָאמִיר מַקְפִּיד זַיין אוֹיסְצוּנוּצְן אוּנְזֶער צַייט פַאר דְּבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, און אַזוֹי וֶועט צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן וֶוערְן פוּן אוּנְז דִי בִּזָיוֹן, און אוּנְז וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַסַאךְ שָׂכָר.



# דֶער פַּאלְטְשֶׁער עֹשֶׁר

**הַחֲנוּת פְּתוּחָה, וְהַחֶנְוָנִי מַקִּיף, וְהַפִּנְקָס פָּתוּחַ, וְהַיָּד כּוֹתֶבֶת.** (אבות ג, כ)

שִׁמְשׁוֹן דֶער גַנָּב... יָא! יָא! אַזוֹי הָאט מֶען אִיהְם גֶערוּפְן... עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ אִין גַאנְצֶע שְׁטָאט ווִיעֶן וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין עֶסְטְרַייךְ וָואס הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן שִׁמְשׁוֹן דִי גַנָּב... יֶעדֶע מָאל עֶס אִיז נָאר גֶעשֶׁעהְן אַ גְנֵבָה, הָאט יֶעדֶער גְלַייךְ גֶעוִויזְן מִיט דִי פִינְגֶער אוֹיף שִׁמְשׁוֹן, ווִי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ הָאט שִׁמְשׁוֹן נִישְׁט אַלֶעמָאל גֶעטוּהְן וָואס מֶען פְלֶעגְט שְׁמוּעֶסְן אַז עֶר הָאט גֶעטוּהְן, נָאר ווִיבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזַא בַּאקַאנְטֶער גַנָּב אִיז עֶס שׁוֹין מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִיהְם דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס עֶר פְלֶעגְט יָא טוּהְן... דִי מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁטָאט הָאבְן אִים חוֹשֵׁד גֶעוֶוען אוֹיף יֶעדֶע אוּמְלֶעגַאלֶע זַאךְ וָואס אִיז גֶעשֶׁעהְן אִין שְׁטָאט.

דִי אִינְטֶרֶעסַאנְטֶע זַאךְ אִיז גֶעוֶועהְן אַז אֲפִילוּ יֶעדֶער הָאט גֶעוואוּסְט פוּן שִׁמְשׁוֹן דֶער גַנָּב, און אֲפִילוּ דִי פָּאלִיצַיי הָאט אַסַאךְ גֶעהֶערְט פוּן אִיהְם אִיז זֵיי אָבֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען אִיהְם צוּ כַאפְּן בַּיי דִי מַעֲשֶׂה, **שִׁמְשׁוֹן אִיז גֶעוֶוען אַ כִיטֶערֶער חֶבְרֶה-מַאן עֶר פְלֶעגְט מַאכְן זַיינֶע שְׁטִיק מִיט חָכְמָה און עֶר הָאט גוּט גֶעוואוּסְט ווִיאַזוֹי זֵיי צוּ אוֹיסְשְׁפִּילְן אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל, יֶעדֶע דְרִיטְן טָאג פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיהְעֶן צוּ אַ נֵייעֶ הוֹיז מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע**